Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

2

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

2

ס'איז האַלבע נאַכט, עס לױפט דער צוג,
אפ הערנער נעמט ער דאָרט דעמ אומעט פונ די מײַלנ —
אימ קלעקט קײנ צײַט אונ קײנ געדולד
זיכ שטעלנ פײַפנ דאָרט א יעדער װײַלע.

ער גיט א פײַפ א דױערדיקנ אײנעמ,
ער גיט א ריס דאָס אינגעװײד פונ שטאָל
פאַר פינעפ — זעקס פאָלסטאַנקעלעכ אינײנעמ,
פאַר פינעפ — זעקס פאָלסטאַנקעס מיטאַמאָל,

אונ טראָגט זיכ װײַטער — קײַענדיק די קאָליעס,
אונ טראָגט זיכ װײַטער — רײַסנדיק דעמ רױמ;
אנ אײנ־אונ־אײנציקס אונ באַפעלנדיקס — זײַנ קאָל איז,
עס איז צו קײנעמ אינ דער פינצטער ניט פאַרטרױט.

און ניט קיין שאָרכ און ניט קיין מורמל
פון מיטנ נאכט, פונ מיטנ סטעפּ, —
ער לויפט, דער צוג, דאָרט אפ געשלעגנ מיטנ איראַלט,
ער לויפט דער צוג דאָרט אפ געשלעגנ מיטנ דניעפּ.

א דרײַסיק־טויזנטיקע מאכנע ט׳שוינ דעמ וועג פארשטעלט אימ,
עס זײַנענ ברעגנ שוינ באַלאַגערט און באַזעצט;
פונ זיבנ הויפּטשטעט און פונ דערפער און פונ שטעטלעכ
גייט אפ אימ אופ די קליגסטע צוימ און דער געזעצ.

עס טראָגנ בערג זייערע שטיינער שוינ צושטײַער,
און די קאריערנ זײַנענ אופגעשפּארט און גרייט;
איז רײַסט דער צוג זיכ אפ קיינ אויגנבליק ניט הײַענ,
און אינ דער ווײַט וואָקזאלנ ווארטנ אינ דער ריי.

דורכ שויבנ — ליכט און קעפּ, און — א געהודע
פונ אלע וינטיקע וואגאָנעס נאָכאנאנד —
ס׳פארמאכט דאָס פענצטער איינער פאר א צוגווינט,
דאָס הארצ צעעפנט איינער פאר דער נאכט.

און אלע ווארטנ אפ א וווּנדערלעכער סטאנציע,
בא יעדנ ז׳אָנגעטאָנ אפ פּלייצעס דער באגאזש —
א גאסט אנ אָנגעלייגטער ט׳יעדער דאָ אינ קאנט זײַנ,
ס׳וועט אימ די געגנט דאָ באגעגענענ מיט ראש.

נאָר איינער שפּאנט איבערנ מיטלסטנ וואגאָנ אומ,
פונ שווארצער שויב פארוקט ער דעמ ברעזענט.

ער וויל עפּעס אין געגנט דאָ דערקאָנען,
ער וויל עפּעס אין געגנט דאָ דערזען.

ס'גייט דאָ זײַן קינדהײַט נאָך ארום איבער די מיסטן,
א יעדער דורכגעלאָזטער בוים אים טוט דאָ באנק;
ס'קאָן יעדער ווינט דאָ פונעם קאנט אים א באגריס טאָן
און אים ארומנעמען און אויספּליעסקען: — טרובא!

זע, ווי דער פרילינג גיט זיך בראָיענד א צעברען איצט,
זע, ווי אין בלײַונג און אין גרינס ער טוט אונדז אָן. —
מיט יאָרן צריק דורך אָט די וועגן צו א גרענעץ
געפירט אף שלאכטן האָט טרובא אן עשעלאָן.

איצט אײַלן צוגן זיך אף פרידלעכע מארשרוטן,
די ערד צעבליט זיך איצט מיט ליבע און געבוי;
ער וואָלט אראָפּגעגאנ א הוילער פון זײַן רו דאָ,
אזוי געגאנגען ביז די קני וואָלט ער אין טוי

נ'געזאָגט וואָלט ער צו יעדערן אזוי:
— אף זיבן גרענעצן מיר האָבן זיך געשלאָגן,
אף זיבן גרענעצן מ'האָט פאנצער־וועגט געזוימט,
אף זיבן גרענעצן געפאלן ווי א האָגל

פאר אָט דער ערד, פאר ·אָט דער נאכט, פאר אָט דעם פרילינג,
פאר אָט דעם פרידלעכן געאָרעם מיטן ווינט. —
נאָר כ'שנײַדט דער צוג, און צײַט האָט ניט באוויליקט,
נאָר ווײַטן אף אנטקעגן טראָגן זיך געשווינד

מיט רויכ פונ שמעלצ, מיט פעלד־גערוכ פונ האָניק,
מיט לעצטע קאַנעצלעכ אַרײַנגעדרייט דערשראָקנ;
אונ כוואַליעס רײַסנ זיכ: — רעווע טאַ סטאָנע,
אונ ברעגנ בראָיענ דאָרטנ: — דניפּ שיראָקי...

ס׳הערט אײַנ טרובאַ זיכ, פאָרנדיק אינ צוג,
אימ דוכט זיכ אויס, — ער הערט זייער געשריי דאָ.
אימ דורכנ לײַב גייט דורכ אַזאַ מינ צוק,
ווי דאָס וואָלכנ פונ דניעפּ געשריגנ זײַנע זיידעס.

אונ מעלדנ פאָרט ער זיכ עס איצט צו זיי דאָרט,
צו גאַסט ער פירט זיי איצט אַנ עשעלאָנ;
עס ווערט אימ הייס: — נו, גרייט זיכ דאָרטנ, זיידעס! —
די אויגנ גיבנ אינ דער נאַכט אַרײַנ אַ לאָפּ:

ער וואָלט מיט ליפּנ זיכ איצט צוגעלייגט צומ פּאָל נאָכ,
אַנ אָנגעגאָסענער מיט רײַפקײַט אונ געוואַג,
אונ צו זײַנ יוגנט אויסגעדונערט: — „Полный!“
ווי אַפּנ דעק פונ שיפּ אינ ווײַסע נעכט פונ דער ניעוואַ.

אונ ווי אַ הויפנ פאַלנדיקע שטערנ
גיבנ זיכ יאָרנ פאַר דערמאָנונג אַ צעשיט;
ער זעט זיי — שטײַפע, שטייניקע אונ שווערע,
ער זעט זיי — קלעטערנ אַפּ מאַסטנ פונ דער שיפּ.

נאָר ס׳שווימט פאַרבײַ די שויבנ אַ וואָקזאַל,
אַ צוויי-דרײַ פײַערלעכ אונ עמעצנס באַנאַכטיק קאָל דאָרט,

עס ליופט דער צוג, די וויַטקייַט ער באפאלט,
די נאכט מיט פונקענ ער באשפריצט דאָרט אונ באגאָלדיקט.

אונ ווידער אזא פייַפ א דויערדיקער איינער,
וואָס גיט א ריס דאָס אינגעווייד פונ שטאָל,
פאר פינעפ — זעקס פאָלסטאנקעכ איניינעמ,
פאר פינעפ — זעקס פאָלסטאנקעס מיטאמאָל.

צוויי שטראָמענ ליכט — ווי זילבערנע צוויי הערנער,
צוויי שטראָמענ ליכט — ווי בויגנס אינ געיעג;
דער הימל ליופט פארבלאָנדזשעט צווישנ שטערנ,
די וויַט קומט אָנ אונ לייגט זיכ אפנ וועג

מיט שרעק, מיט ווינט, מיט בלענדיקייַט געפאסיקט,
צופוסנס אונטער ראָד זי פאלט דאָרט צו,
אפ צוויי צעלאָזטע אונ באלויכטענע לאמפאסנ
שנייַדט דורכ אפ העלפט די פינצטערניש דער צוג.

לאמטערנס צוויי — אפ זייַנ געפאנצערטנ צוקאָפנס,
אונ די געוועלטיקייַט אפ שטרעקעס אימ געהערט,
אפ מייַלנ וויַט — די קאָליעס ציטערנ אונ קלאפנ,
אונ וויַטנ מעלדנ זיכ אליינ ווי צומ פארהער.

אונ צומ פארהער קומט אויכ די אלטע היימ
די אויסגעהוילט אונ וויסטע, —
זי גיט דאָרט שאָלעמ אָפ פונוויַטנ מיט געוויינ,
אונ נידעריק ביז דר׳ערד צו יערערנ זי גריסט זיכ...

ווערבעס טריבע,
מיט בלינדע שטיבעלעך פארשטאָכן אין דער ווײַט;
מע פאָרט מיט שנעלן דורכשווינד זיי אריבער,
מיט גרילץ פון צוגן יאָגט מען זיך פארביי.

וואָס קערן זיי די דורכפאָרער פארבײַיקע דען אָן זיך?
וואָס גריסן זיי אזוי זיך נידעריק־פארכײַעט?
נאָר ס׳גיט דער ווינט א ברעך זיך און א בלאָנדזשע,
דער וועג גיט נאָך אף זיי אן אומעטיקן טײַט:

אָט דאָ ניט ווײַט — געלאטעט און געלעכערט,
אָט דאָ ניט ווײַט — פריטשמעליעט און געלענקט, —
זיי זיצן נאָך אין אש און קראצן זיך די דעכער
מיט אָפּגעברענטע קראָקוועס, ווי מיט אויסגעדרייטע הענט.

אָט זײַנען זיי — פון ראנד ביז ראנד צעוואָרפן,
ווי טאָרבעס אָנגעפילט מיט טרויער און מיט שרעק;
שוין אומעטום געווען זײַנען זיי אָרכים
אף גאָרער ערד — פון עק ביז עק.

און איצטער האָט א ווינט זיי דאָרט צעהוידעט,
ער טרײַבט זיי איצטער סווישטשענדיק ארום
זיך אויסטרייסלען דעם אָטעם פון די בוידעמס,
און אויסברעכן דעם טרויער ביזן גרונט.

---

און ס׳שפאנט טריבא פונ אֹ וואגאָנ אינ א וואגאָנ:
דאָ צאנקענ בערד, דאָ צאנקענ אויגנ קאליע, —
ער קאָנ דאָ קײנעמ ניט און אלעמענ ער קאָנ,
אנ אײגענער איז ער דאָ גלײַכ מיט אלע.

ס׳איז אינ ברעזענט דאָ יעדערער פארמאכט,
די קעלנער אופגעשטעלט, מיט שאליקעס פארצויגנ;
עס ווערט זײַנ אומעט שווארצער פונ דער נאכט,
ווענ עמעצער פונ זיי שטרעקט אויס צו אימ די אויגנ.

ער קוקט אינ שויב. די נאכט איז הויל,
... זיי פאָרנ אזוי לאנג ארומ שוינ אפ די באנענ,
און אײנער געגעצט אויס דעמ אנדערנ אינ מויל:
— און וויפל טעג צו פאָרנ איז פאראנ נאָכ? —

און זיכער איז אזוי דאָס פאָרנ מיט דער באנ
און גוט, וואָס איז פאראנ אזויפיל מײַלנ;
מע זעצט זיכ אויס א באנק אנטקעגנ באנק,
מע זעצט זיכ אויס מ׳ט מײַלער קעגנ מײַלער.

מע דרייט זיכ אײַנ, מע סאדערט זיכ די רוקנס,
און אײנער טונקט אינ צווייטנס זאלצ דאָס ברויט,
און אײנער בײַסט מיט צאָנ מיט אײנציקנ א שטיקל צוקער,
ווי ער וואָלט דעמ דאָס גאנצע לעבנ אָנגעטרויט...

און עמעצער באדארפ א מעסער, —
עס ליגט אפ זײַנע קני א הערינג, ווי א קינד —

אים דוכט: — ער האָט עפּעס אין דר׳היים פאַרגעסן,
עס זײַנען בא אים אויגן בעלמעדיק פאַרקילט...

און איבער דעם צעלייגטן שטויב און ברוך
שטעקט איינער אויס א יאָלעמדיקן קאָפּ אהערצו;
ער קאָן איבער די טאָרבעס און געפּעק ניט דורך,
און עפּעס א באַקאַנטער קאָל אים אין דעם טומל הערט זיך...

פון זיך אליין ער לויפט און רײַסט זיך — קוים א גאַנצער,
עס האָבן אויסגאַנגען אים, דאַכט זיך, שוין פאַרפעלט;
נאָר דער קאָנדוקטאָר שטעלט אים אָפּ: — ס׳איז ניט קיין סטאַנציע,
נאָר דער קאָנדוקטאָר איז אין קאַס: — מיר שטייען דאָ אינמיטן פעלד!

עס גייט די וועטשערע די אָרעמע נ׳וואַגאָן,
מ׳האָט שוין געפּאַרעט טיי, מע בלאָזט שוין און מע סמאָקעט;
ס׳באַווײַזט פון ערגעץ זיך א קאָפּ. ער קוקט זיי אלע אָן,
צו אים גיט זיך א לאָז א זאָקן — אויסגעמאָגערט —

און מיט דער באָרד אין אים זיך א פאַראַנקער:
— כ׳מיין אײַך, כ׳מיין טאַקע אײַך אליין! —
ער ציט זיך אויס און פרעגט דאָרט מיט דער האַנט אים:
— כ׳מיין, עפּשער האָט איר, כאַווער, — ניין?

דערמאָנט אײַך נאָר, —
א פרײַע פּיליזשאַנקע...
איר זײַט מיר אזא קאָנטלעכער,
אזא באַקאַנטער! —

ס׳פארשטאָפּט זיך אים דאָס מויל
מיט שרעק, דעם זאָקן,
די צונג ער דרייט און קנוילט
און סמאָקעט:

— איר זעט עפּעס סאָוועטסקע וולאסט וואָס דאָ איז?
סע פעלט אונדז דאנקען גאָט דאָ ניט קיין האָר;
עס זאָל נאָר אזוי וועלן גיין דער פּאָיעזד
נאָך א הונדערט צוואנציק יאָר,

מע זאָל אף יעדער סטאנציע פארען טיי,
און ברויט זאָל מען אף יעדער סטאנציע געבן —
איז וואָלט מען זיך שוין ווי־ניט־איז געטיילט
און ווי־ניט־איז שוין אָפּגעשטופּט דאָס לעבן... —

די אלטע שרעק פארלייגט דאָס קאָל אים:
— מישטיינסגעזאָגט, וואָס דארף א ייד — א סאך?
איר זייט, דאכט זיך, דער קאָדניער באלעגאָלע,
הא?

דערמאָנט אייך נאָר,
ווי רופט מען אייך — דערמאָנט אייך, —
איר זייט מיר אזא קאָנטלעכער,
אזא באקאנטער!..